**פאר באלדיגע פארעפענטליכונג:** 10/12/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 230 מיליאן דאלאר אין צוגעלייגטע עסן הילף פאר ניו יארקער אין אקטאבער

***אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP וועלן באקומען די מאקסימום סומע פון עסן בענעפיטן מער פון 2 ביליאן דאלאר אין צוגעלייגטע בענעפיטן זענען אויסגעטיילט געווארן ביז היינט דעם יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אלע ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין דעם 'סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם' ( Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) – אין די פארגענגעהייט גערופן 'פוּד סטעמפּס' – וועלן באקומען די מאקסימום סומע אין עסן בענעפיטן פאר אקטאבער. אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP – אריינרעכענענדיג די וועלכע באקומען שוין יעצט די מאקסימום סומע פון בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע באצאלונג שפעטער דעם חודש, דאס וועט אריינגיסן בערך 230 מיליאן דאלאר פון פעדעראלע געלטער אריין אין די סטעיט'ס עקאנאמיע.

"דורכאויס די פרעצעדענטלאזע צייט, ווען מיר זענען ממשיך צו באקעמפן א פובליק געזונטהייט קריזיס, דארפן מיר זיכער מאכן אז יעדע ניו יארקער דארף נישט פילן קיין הונגער אדער אומזיכערהייט מיט עסן", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "דורך שטיצנדע עסן בענעפיטן דורכאויס די שווערע צייטן, טוהען מיר העלפן זיכער מאכן אז יעדער איינער אין די סטעיט באקומט די גאר נויטיגע אויסגעשטרעקטע האנט כדי זיי זאלן קענען אויסצאלן זייערע אויסגאבן, שטיצן זיך אליין און זייערע פאמיליעס און זיין סוקסעספול."

די עמערדזשענסי צוגעלייגטע הילף וועט צוגעשטעלט ווערן פאר פאמיליעס וועלכע באקומען נישט געווענטליך די מאקסימום בענעפיטן וואס איז מעגליך פער חודש פון SNAP – א פעדעראל-אויסגעצאלטע פראגראם וואס ווערט אויסגעטיילט דורך די סטעיט'ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA). די פאמיליעס וועלכע זענען שוין סיי ווי אויף די מאקסימום בענעפיט סומע אדער נאענט דערצו וועלן באקומען א צוגעלייגטע באצאלונג פון צום ווייניגסטנס 95$.

פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP אין אלע קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי דארפן צו זעהן די בענעפיטן ארויפגיין אנגעהויבן פון די וואך ביז אקטאבער 21. פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP אין די פינף קאונטיס אין די ניו יארק סיטי ראיאן דארפן צו זעהן זייערע בענעפיטן ארויפגיין צווישן אקטאבער 18 ביז די סוף פון די חודש.

פונקט ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (Electronic Benefit Transfer, EBT) אקאונט פון די פאמיליעס און קענען גענוצט ווערן דורך זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געווענטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן

געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגענוצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדעם חודש.

ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך פארלאזן זיך ווייטער גאר שטארק אויף SNAP אזוי ווי די קאוויד-19 פאנדעמיע טוט ווייטער ווירקן אויף די טאג-טעגליכע לעבן. אום אויגוסט 2021 זענען געווען מער פון 2.79 מיליאן פאמיליעס וועלכע האבן באקומען SNAP איבער די סטעיט.

יעדע דאלאר וואס ווערט אינוועסטירט אין עסן בענעפיטן קענען אויפטרייבן אזויפיל ווי $1.54 אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א פעדעראלע שטודיע וואס האט אויסגערעכנט די השפעה וואס SNAP האט אויף די עקאנאמיע פון די פאראייניגטע שטאטן. די שטודיע האט אויך געפונען אז א צוגעלייגטע 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין נאך SNAP בענעפיטן קענען אויסהאלטן בערך 13,560 דזשאבס איבערן לאנד.

**OTDA עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישאנער בארבארע גווין האט געזאגט,** "אויסער דעם וואס די צוגעלייגטע בענעפיטן וועלן ברענגען גאר נויטיגע פארלייכטערונג פאר פאמיליעס און מענטשן וועלכע זענען נישט פארזיכערט מיט עסן איבער די סטעיט, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן אויך זיין א ווארעם-באגרוסטע שטופ פאר אונזערע לאקאלע עסן געשעפטן. מיר וועלן ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנאר האוקאל און מיט די פעדעראלע רעגירונג צו זיכער מאכן אז די בענעפיטן וועלן העלפן ניו יארקער דורכאויס צייטן פון נויט."

פאר מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי צוגעלייגטע SNAP בענעפיטן, אריינרעכנענדיג ענטפערס אויף אפט-געפרעגטע פראגן, באזוכט otda.ny.gov/SNAP-COVID-19. ניו יארקער קענען זעהן אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר SNAP און פאר וויפיל זיי זענען בארעכטיגט, און אזוי אויך אפלייען, דורך די אינטערנעט דורכן באזוכן mybenefits.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov